# די אפערע „מסדה 967"

**פון יוסף טל; ליברעט פון ישראל אלירז. — אין ירושלים טעאַטער, אין ראַמען פון ישראל-פעסטיוואַל**

דאָס איז די צווייטע אפערע פון רעפּוטירטן ישראלדיקן קאָמפּאָזיטאָר יוסף טל, באַזירט אויף דעם ליב־רעט פון ישראלדיקן דראמאטורג יש־ראל אלירז. די ערשטע איז געווען די אפערע „אשמדאי", וואָס איז אויפ געפירט געוואָרן דורך דער מלוכה־שער אָפּערע אין האַמבורג און האָט געגאָסן פון געמישטע אָפּרופן, אָ־בער בדרך כלל פּאָזיטיווע. „מסדה 967" איז געשריבן געוואָרן מיט עלעק טראָנישער מוזיק, ווייל, לויט דער מיינונג פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, פּאַסט נישט די אָנגענומענע סימפּאָנישע מו־זיק און אָרקעסטער צום גייסט פון דער אָפּערע. אָבער כדי צו לאָזן הערן סימפּאָנישע מוזיק, זענען ניי־טיק ספּעציעלע כלים. די מוזיק איז אויפגענומען געוואָרן אין צענטער פון דער עלעקטראָנישער מוזיק אין העב רעאישן אוניווערסיטעט אין ירוש־לים. זי איז פּראָדוצירט געוואָרן אין צוויי קאַנאַלן און זי איז דעריבער סטערעאָפאָניש. די מוזיק איז אויפ־גענומען געוואָרן אויף א מאַגנעט־טישן באַנד און כדי צו קאָאָרדינירן די מוזיק מיטן טעקסט איז איינגע־לאַדן געוואָרן א ספּעציאַליסט מו־זיק־קאָאָרדינאַטאָר פון די דייטשע מלוכהשע אָפּערע — הייזער אין האַמ־בורג און אין מינכען ד"ר עקהאַרד מאַראָן, וועלכער האָט מיטגעבראַכט פאַר דער אויפפירונג א ספּעציעלע אויסשטאַטונג און זיינע געהילפן. דעריבער האָט מען די אָפּערע געמוזט אויפפירן בלויז אויף איין אָרט און צו דעם איז אויסגעוויילט געוואָרן דער נייער ירושלימער טעאַטער. ס'איז געווען די ערשטע אויסגעצייכנטע עלעקטראָנישע מוזיקאַלישע פּראָדוק־ציע אין לאַנד.

עלעקטראָנישע מוזיק איז א גאַנץ עפּעס נייעס אין דער וועלט פון קלאַנגען, וועלכע איז, כלומרשט, באַפרייט פון די געזעצן פון מאָס און טעמפּאָ. פאַר דעם מאַסן — צוהערער וועט עס זיין שווער צו אונטערשיי־דן צווישן סתם רעש און צווישן דעם, וואָס מען רופט אַן מוזיק. פאַרשטייט זיך, אז ס'וועט אים זיין שווער צו דערקענען, צי איז אין מיטן נישט פאָרגעקומען קיין גרייַז און פאַלשע קלאַנגען, צי דאַרף עס טאַקע אזוי זיין. אתדז שיינט אז דערווייל, און אין דער גאַנצן נאָענטער צוקונפט, וועט עלעקטראָנישע מוזיק נישט זיין אַן אַט ראַקציע פאַר מאַסן מוזיק — ליבהאָ־בער. מוזיק — עקספּערטן, אויף וויפל זיי האָבן באַוויזן זיך שוין אַרויסצו־זאָגן לגבי דער אָפּערע, זענען גע־טיילט אין זייערע מיינונגען.

דער אינהאַלט איז באַזירט אויף דער עפּאָפּייע פון דעם זעלבסטמאָרד פון די לעצטער מסדה — קעמפער, 3 יאָר נאָכן פאַלן פון ירושלים, אינעם גרויסן אויפשטאַנד אין יאָר 70. די האַנדלונג קומט פאָר א טאָג נאָכן זעלבסטמאָרד. די רוימער קומען אָן, שפּאַלטן די פעסטונגס — מויערן און רייסן זיך אריין אין דער פעסטונג פון מסדה און געפינען דאָרט 960 קער־פּערס פון די זעלבסטמערדער; פינף קינדער און צוויי פרויען זענען גע־בליבן לעבן און זיי דערציילן וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען; בשעתו — דעם היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס. לעאָנאַרד שאַך האָט רע־זשיסירט די פאָרשטעלונג און האָט פאַר דעם אויסגעבויט א בינע מיט עטלעכע „פלאַכן", לייטערס טרעפּ און פּלאַטפאָרמעס. גאַרי בערטיני איז דער דיריגענט. ער האָט געדאַרפט סינ כראָניזירן דאָס געזאַנג פון די סאָ־ליסטן, מיט דער עלעקטראָנישער מו־זיק, וואָס איז געקומען פונעם טייפּ־רעקאָרדער און די סטערעאָפאָנישע הילכערס.

די סאָליסטן — דער באַריטאָן גינ־טער רייך (רוימישער גענעראַל סיל־ווא), דער טענאָר דזשאָן מיטשינ־סאָן (דער פּאָעט), דער סאָפּראַן עדי עציון־זאַק (אַלטע פרוי), דער באַס דוד קאַרגעל (אלעזר), דער טענאָר אַברהם סאַלאָמאָן, דער באַריטאָן זשעראַם באַרי, און אַלע אַנדערע האָבן גוט אויסגעפירט זייערע ראָ־לן. צום באַדויערן, זענען די אַנטייל נעמער אין די פאַרשיידענע כאָרן גע וועזן ווייניקער איינדרוקספול. שמעון בר האָט געשפּילט די ראָל פון דעם היסטאָריקער; ער האָט נישט געזונ־גען, בלויז גערעדט און איז געווען אויפן אָרט. דער פּאַרמעסט צו שטע־לן אזא אָפּערע, מיט אזעלכע קינסט לערישע פּרעטענסיעס, איז לכבוד דעם ישראלדיקן פעסטיוואַל.

---

אילוסטרירטע וועלט וואָך
(תל־אביב)
25-7-197

מעתון **לעצטע נייעס**
מיום ..................
31.7.1973

# „מצדה 967"

— שמעון קאַנץ —

די אָפּערע „מצדה 967", מוזיק פון יוסף טל און ליברעטע פון ישראל אלירז, איז דורכן ראַט פאַר קולטור און קונסט ביים בילדונגס־מיניסטעריום איינגעלאַדן געוואָרן צום היי־יאָריקן פעסטיוואַל, וואָס מערקט אויך אָפּ 25 יאָר מדינת ישראל. אין דער אַקציע פון דער אָפּערע דערציילט זיך נישט די באַקאַנטע מעשה פון מצדה, די היסטאָרישע געשעעניש פון יידישן קאַמף און יידישער גבורה. די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אויפצומאָרגנס נאָכן זעלבסטמאָרד פון די 967 יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די רוימער.

עס זענען געבליבן לעבן צוויי פרויען און זעקס קינדער. אין די אויפטריטן פון די גייסטער און רעאַקציעס פונעם רוימישן קאָמאַנדיר, סילוואַ און זיינע מענטשן, אין די פאַרבינדונגס ־ ווערטער פונעם היסטאָריקער — לעבט אויף פאַר אונדז די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. עס איז אַ געמיש פון רעאַליסטישער און סור־רעאַליסטישער שילדערונג, מיט אַסאָציאַציעס און רמזים אויף דער תקופה פון אומקום בעת דער צווייטער וועלט ־ מלחמה. לעאָנאַרד שאַך האָט די רמזים פון טעקסט אונטערגעשטראָכן אין זיין רעזשי. דער הילכיקער איבערוף קומט אין אלעזרס לעצטע ווערטער: „מיר זענען אויף אייביק פאַרבונדן מיט גאָט און מיטן קליינעם מדבר ־ לאַנד, ווי אַ מענטש מיט זיין שאָטן..."

די אַטמאָספער אין מצדה פון די 960 גבורים, וואָס זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָטעמט שווער אין שפע פון בלוט און פון כוח, וואָס שטראָמט אין די אָדערן און זאַפּט דורך די לופט אויפן מאַרטירער־באַרג. אַ הייסער פלאַם יאָגט פון אלעזר בן יאירס רייד צום רוימישן קאָמאַנדיר:

„...מיט קריג־מאַשינען און טויזנטער סאָלדאַטן קענסטו דעראָבערן אַ באַרג, אָבער קיינמאָל ווערסטו נישט דעראָבערן אַ פאָלק, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַרן באַרג... פאַראַן פעלקער, וואָס לעבן אייביק אין זכות פון אַ באַרג".

סימבאָליש איז דאָס צופעליקע אָפּראַטעווען זיך פון די זיבן, צוויי פרויען און פינף קינדער. פון זיי האָט זיך עס פלאַוויוס דערוווסט וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אויפן באַרג. די רוימער האָבן געוואָלט אָפּמעקן נישט בלויז די קעמפער, נאָר אויך זייער אָנדענק, ווי עס וואָלט לגמרי נישט פאָרגעקומען אַזאַ זאַך ווי דער פאַרביסענער קאַמף און העלדישער טויט. דער כראָניקער פון דער רוימישער אַרמיי האָט דאָס קאַפּיטל פאַרשוויגן, אָבער אויך יידן, אין די שפּעטערדיקע דורות, האָבן דאָס קאַפּיטל נישט גערן דערמאָנט. מעגלעך, אַז אויך אין זיין דור איז פלאַוויוס מיט זיין פּאַטאָס פאַר דער גבורה פון מצדה געווען אַליין קעגן די דעמאָלטיקע יידישע פירער, די חז"ל, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער פאַרעקשנטער מלחמה קעגן איבערוויגנדיקן כוח פון די רוימער. רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון באַלאַגערטן ירושלים נישט אויף צו גיין קיין מצדה, נאָר קיין יבנה. אָנשטאָט אַ מיליטערישע פעסטונג האָט ער געוואָלט אויפשטעלן אַ ישיבה. אָנשטאָט זעלבסטמאָרד האָט ער געוואָלט גיין אויפן וועג פון קיום. מיט יבנה האָט ער געוואָלט שאַפן די גייסטיקע טעריטאָריע פאַרן פאָלק אין זיין פאַרוואָגלטקייט. די גבורה פון איינהיטן די פאָלקישע גאַנצקייט אָן אַ מלוכה האָט רבן יוחנן בן זכאי, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ שיטה, קעגנגעשטעלט דער גבורה פון יאוש, פון זעלבסטמאָרד.

דערפאַר זענען געווען אַזעלכע אויך אין די שפּעטערדיקע דורות, וואָס האָבן נישט געזוכט צו געדענקען און דערמאָנען אין מצדה. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אויך בעת די אויפשטאַנדן אין די געטאָס, וואָס האָבן זיך איבערגערופן מיט מצדה. די מחברים פון דער אָפּערע האָבן טאַקע געזען פאַר זיך נישט נאָר מצדה פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָר אויך פון דער לעצטער אומקום־תקופה. נאָך מיט פופציק יאָר צוריק האָט דער דיכטער יצחק למדן געשריבן אין זיין פּאָעמע „מסדה": „...שייטערן אויף אַלע וועגן פירן צו מסדה. / אויף די שייטערהויפנס האָט אונדזער עלנטער „שמע ישראל" זיך געריסן פונעם בראַנד — — — / שייטערן! דער כתב פון אונדזערע פאַרברענטע ספרים איז געפלויגן פון די פלאַמען. / ביים שייטער־ליכט מיר קלייבן איצט די אותיות, די פאַרוואָגלטע, צוזאַמען. / שייטערן אין נעכט, גרויליקע, דעם מסדה־טרוים באַלויכטן האָבן פון דער ווייט. / מיט שייטערהויפנס לאָמיר איצט פון נאָענט באַלויכטן זיין באַשייד. / שייטערהויפנס אויף מסדה — גרויסע יאָרצייט־ליכט ברענען איצט אין שרעק / פאַר די נשמות פון שטעט און שטעטלעך יידישע, וואָס זענען מיטן פלאַם אַוועק".

גרויס איז דער כוח פון יבנה, וואָס מיינט קולטור און שטייגער, פאַרן קיום פון פאָלק, אָבער אויך מצדה, אין אַלע פאָרמען פון קידוש השם, איז די נשמה פון פאָלק און שפּילט איר גרויסע ראָל אין אויפהאַלטן און באַנייען זיין קיום, זיין ווילן צו קעמפן ביזן לעצטן פאַר גאולה און באַפרייאונג.

די מוזיק, וואָס אין אַ געוויינלעכער אָפּערע ווערט זי געשפּילט דורך אַן אָרקעסטער מיט קאָנווענציאָנעלע אינסטרומענטן, איז דאָ רעאַליזירט עלעקטראָניש און ווערט אין אַ סטערעאָפאָנישער פאָרם איבערגעפירט איבערן גאַנצן זאַל, איז נישט אַגרעסיוו און פאַרטויבט נישט די זינגער, וועלכע קענען זיך דאָ באַווייזן מיט זייערע שטימען. די סינכראָניזאַציע פון סאָליסטן ־ געזאַנג, פון כאָר, איז שוין די אַרבעט פונעם דיריגענט, גאַרי ברתיני.

אין אַלגעמיין איז די מוזיק אַ פאַרשטענדלעכע. דעם קאָמפּאָזיטאָר איז געלונגען צו שאַפן נישט קיין סטאַטישע עלעקטראָנישע מוזיק, נישט קיין קאָנגלאָמעראַט פון נישט ־ פאָרמולירטע קלאַנגען און רוישן, נאָר אַן אינטערעסאַנטע, באמת מאָדערנע מוזיק, וואָס ברענגט אַרויס אין די קלאַנגען די פּסיכאָלאָגישע אַט־

(סוף אויף זייט 5)

## „מצדה 967"

(סוף פון זייט 4)

מאָספער. די איבערגענג פון גערעדטן צום געזונגענעם וואָרט זענען נאַטירלעך און פליסיק.

שטאַרק איז די סצענע ווי די גזלנים גיבן זיך אַ לאָז פון אַלע זייטן רויבן די קערפּערס, באַגלייט פון די עלעקטראָנישע פילשטימיקע קלאַנגען. אויך די תפילה, פונעם מתים־כאָר.

צווישן די פופצן זינגער און גרויסער צאָל סטאַטיסטן טיילט זיך אויס הלל גינטער־רייך, אַ שטאַרקער באַריטאָן און גוטער שוישפּילער אין דער ראָל פון רוימישן קאָמאַנדיר סילוואַ.

די קאָסטיומען זענען געשאַפן פון אנדריאה מלצר.